# ר׳ פֿײַטל *

1 אַז די יונגע לבֿנה איז עשׂרה בטבֿת, אַ זייגער צען בײַ נאַכט, קלאָר ווי זילבער אַרויסגעגאַנגען פֿון די כמאַרעס, וואָס האָבן זיך צעזייט, צעשפּרייט אין אַלע זײַטן, און געשפּאַצירט פֿרײַ אויף דעם בלויען אויסגעשטערנטן הימל, אָפּשפּיגלענדיק זיך אין דעם פֿריש אויסגעפֿאַלענעם שניי, האָט זי ניט געהאַט דעם כּבֿוד צו זען אַפֿילו איין ייִדן אויף דער גאַנצער קאַטשאַניווקע. קיינער האָט זיך ניט געוויזן אויף דער גאַס מחדש צו זײַן די לבֿנה ווי געוויינטלעך, גלײַך ווי זי וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען. אויב נאָר אונדזער לבֿנה האָט כאָטש אַ פּיצל שׂכל, אַ פּיצל אַמביציע, האָט זי זיכער געמוזט זיך באַליידיקן און שעמען זיך פֿאַר דער גאַנצער עדה שטערן, וואָס ייִדן, קאַטשאַניווקער ייִדן, האָבן זי הײַנטיקס מאָל מבֿייש געווען ניט מקבל פּנים זי צו זײַן און שפּרינגען אַקעגן איר לעבעדיק, פֿריילעך, אַזוי ווי דער שטייגער זייערער איז תּמיד איטלעכן אָנהייב חודש. אַלע ייִדן דאָרט זײַנען מיט אָנגעפֿילטע בײַכער נאָך דעם תּענית געלעגן, מחילה, אויף די בעטן און האָבן, אָן עין־הרע, געשמאַק געשלאָפֿן. ווען דער שמש אַפֿילו זאָל זיי געווען אַ קלאַפּ טאָן אין לאָדן מיט אַ געשריי: ׳ישׂראל, עם קדושים, שטייט אויף לעבֿודת הבורא!׳ — וואָלטן זיי זיכער זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זײַט און טאַקע ווײַטער געכראָפּעט, אַזוי שטאַרק פֿאַרטיפֿט זײַנען זיי געווען אין שלאָפֿן.

2 געשלאָפֿן האָט מען נאָר ניט בײַ איין רב פֿײַטלען אַליין. אַלע אין שטוב פֿון גרויס ביז קליין זײַנען אויף געווען, האָבן זיך באַשעפֿטיקט שאַ שטיל, זיך געדרייט אַהין און אַהער, געגאַנגען אויף די שפּיץ פֿינגער — און אויף זייערע אויסגעצויגענע בלייכע פּנימער איז געלעגן אַ חשכות, אַ גאַנצער וואָלקן מרה־שחורה. ווי עס האָט אויסגעזען, האָט מען דאָ צו עפּעס זיך שטאַרק מכין געווען, און איטלעכער האָט געהאַט פֿון וואָס צו טראַכטן, פֿון וואָס פֿאַרזאָרגט צו זײַן. אַ קליין לעמפּל האָט געברענט אויף אַ שטאַרק אָפּגעניצטן קיילעכדיקן טיש און מיט אַ רויטלעכן פֿלאַם באַלויכטן די נאַקעטע ווענט פֿון דער שטוב, וואָס פֿון איטלעכס ווינקל דאָרט האָט געסווישטשעט דער דלות.

* די דערציילונג ר׳ פֿײַטל האָט מענדעלע אַליין קיין מאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט. אין כּתבֿ־יד האָט די דערציילונג ניט געהאַט קיין קעפּל. דאָ ווערט זי איבערגעדרוקט פֿון מינסקער שטערן, נומ׳ 8, 1938סטן יאָר, ז״ז 7–18. מיר האָבן נאָר געענדערט דעם סאָוועטישן אויסלייג.

3 בײַ איין זײַט טיש איז געזעסן ר׳ פֿײַטל און מיט אַ ציטערדיקער האַנט געשריבן עפּעס אַ בריוו, ניט געהערט, ניט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך. ס׳איז אים גאָרניט געווען צו דערקענען, אַזוי פֿאַרענדערט האָט ער זיך אין איין יאָר, זינט פֿישל זײַנער איז פֿון אים אַוועק: אַלט און גרוי ווי אַ טויב, דאַר, מאָגער, מיט אײַנגעפֿאַלענע באַקן און גרויסע בלויע רינגען אונטער די געשוואָלענע אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט ערשט אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ קרענק. דאָס שרײַבן, ווי עס האָט אויסגעזען, האָט אים געקאָסט געזונט. איטלעכס וואָרט האָט אים זיך אַרויסגעריסן טיף פֿונעם האַרצן. בײַ איטלעכס פּיר מיט דער פען זײַנען אים אויפֿן פנים אַרויסגעטראָטן דיקע, אָנגעקוואָלענע אָדערן, ווי די שטריק, און די אויגן זײַנען אים פֿאַרלאָפֿן מיט בלוט. אַך, בידנער, אומגליקלעכער רב פֿײַטל!

4 בײַ דער אַנדערער זײַט טיש, אַנטקעגן, איז געזעסן עלקע, פֿינצטער ווי די ערד, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פנים און אין גאַנצן נאָר אַ צעבראָכעגער שאָרבן. זי האָט פֿאַרלאָטעט עפּעס אַ העמד, גענייט געשווינד, גלײַך זי האָט זיך געאײַלט גיבער פֿאַרנייען די לאָטע און ניט פֿאַרשפּעטיקן חלילה די צײַט.

5 ביילע, דאָס קלענערע מיידעלע, די מיזינקע, האָט איר אַרײַנגעצויגן פֿאָדעם אין דער נאָדל, און עלקע האָט אַלץ גענייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, נאָר וואָס צײַטנווײַז פֿלעגט זי מיט נאַסע אויגן דערלאַנגען אַ קוק אויף פֿײַטלען, דערבײַ אַ ציטער טאָן, ווײַטער אַראָפּלאָזן דעם קאָפּ און באַקאַפּן די לאַטע מיט הייסע טרערן.

6 ניט פֿאַר אײַך גערעדט, יידישע טעכטער, וואָס עלקע נעבעך איז אויסגעשטאַנען אין דעם יאָר זינט די מעשׂה מיט איר פֿישלען! ניט פֿאַר אײַך גערעדט אַזאַ יאָר מיט צרות, דחקות, קרענק און ייסורים! די שטיצע, וואָס די גאַנצע שטוב האָט אין פֿישלען געהאַט, איז פּלוצים פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. ר׳ פֿײַטלס פֿאַרדינסטן האָבן ניט מספּיק געווען אויף די אַלע נייטיקסטע הצטרכותן אין הויז. ניט איין מאָל איז מען מיט אַ טעפּל קאַרטאָפֿליעס דעם טאָג איבערגעקומען. נאָך גוט כאָטש מיט קאַרטאָפֿליעס, אַ מאָל איז דאָס דאָזיקע אויך ניט געווען, און פֿון וואַנען, באמת, האָט ר׳ פֿײַטל געקענט נעמען? קיין זיכערע פּרנסה האָט ער דאָך ער ניט געהאַט. ער האָט, ווי אַנדערע הונדערטער יידן, געלעבט פֿונעם ווינט. דער ווינט אָבער בלאָזט ניט תּמיד גלײַך. אַ מאָל בלײַבט ער גאָר שטיל, און עס העלפֿן ניט קיין חכמות, כאָטש טו זיך דאָ, שׂונא־ציון, אַ מעשׂה אָן.

7 כּל זמן ר׳ פֿײַטלען האָבן געדינט די פֿיס, פֿלעגט ער אַרומלויפֿן, ווי אַ קליאַטשע, אַ גאַנצן טאָג, אַרבעטן איבער אַלע מענטשלעכע כּוחות און זוכן דאָס שטיקל זינדיק ברויט. נאָר די שטענדיקע זאָרגן אָבער און די צרות, וועלכע ער האָט געהאַט פֿון זײַן איינציקן זון, האָבן בײַ אים צוגענומען דאָס געזונט. ער פֿלעגט עפּטער אײַנפֿאַלן און בלײַבן ליגן טעגווײַז אין דער היים, ווי אַ דערהרגעטער. דערבײַ האָט אים זיך נאָך צוגעוואָרפֿן מערידן, דאָס עכטע יידישע קרענק, וואָס גייט איבער בירושה פֿון טאַטעס צו קינדער, דאָס

רובֿ נאָך אָן אַ גראָשן געלט ירושה, נאָר אַ מעריד אַליין, אָדער אויך מיט עטלעכע ייִסורים דערצו אַ צוגאָב.

8 געגוג האָט ר׳ פֿײַטל פֿון זײַנע ווייטיקן געליטן, האָבן זײַן ווײַב און קינדער, קוקנדיק אויף אים, נאָך ערגער געליטן – קוקנדיק ווי דאָס לעצטע שטיקל אָנהאַלטעניש זייערס ווערט אַלץ אונטערגעפֿוילט און שטייט אויף משקלות, ווי דאָס איינציקע שטרויעלע, פֿאַר וועלכער זיי האַלטן זיך צו, וויל זיך צעברעכן, ווערן שטויב, און זיי, שלימזלען, וועלן ווי אַ שטיין אַראָפּ אין אָפּגרונט און דערטרונקען ווערן.

9 אַזאַ לײַדן איז פֿיל ערגער ווי דער טויט. עס כאַפּט אַזש אָן אַ שווינדל און עס דרייט זיך דער קאָפּ. דאַמאָקלעסעס[1] לײַדן שטייעדיק אונטער אַ גרויסן שאַרפֿן שווערד, וואָס איז געהאַנגען איבער אים אויף אַ האָר, איז גאָרניט אַקעגן אַזאַ לײַדן, ווי דאָס הענגענדיקע שווערד איז אַ לעבעדיקע באַשעפֿעניש, אַ ליבעס, אַ טײַערס, אײַנגעבאַקן אין האַרצן, וואָס זײַן אַראָפּפֿאַלן איז פֿאַר זיך אַליין שוין אַן אומגליק, אַ גרויס רחמנות. ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, אומות העולם, אַזאַ לײַדן, אַזאַ ביטער געפֿיל, ווי שוועבן אין דער לופֿט אויף פֿאַוטינע, ניט צו האָבן אונטער די פֿיס אַ פֿעסט שטיקל ערד, כאָטש מיט אַ שפּיץ פֿינגער דערויף זיך אָנצושפּאַרן. אַזאַ ביטער געפֿיל, אַזאַ שווינדל, וואָס בײַ אונדז, נעבעך, פֿילן עס ניט זעלטן פֿיל עלנטע, אָרעמע פֿאַמיליעס!

10 אַך, בידנע, אומגליקלעכע באַשעפֿעניש!

11 דאָס איינציקע שטיקל טרייסט אַ מאָל אין ר׳ פֿײַטלס אומגליקלעכער פֿאַמיליע איז געווען פֿישלס אַ בריוו, אַ טרייסט, וואָס דערפֿון פֿלעגן אין די אויגן, ווי פֿון טאַבאַקע, זיך שטעלן טרערן און שמאַרצן בײַם האַרצן. נאָר אין דעם שמאַרצן אָבער איז געלעגן עפּעס אַ באַזונדער מין פֿאַרגעניגן, וועלכן מען פֿילט בײַ קראַצן אויף אַ בײַסנדיקער וווּנד.

12 פֿישל האָט גוט געוווּסט די לאַגע פֿון זײַנע עלטערן, אין וואָס פֿאַר אַ שלעכטן צושטאַנד ער האָט די גאַנצע פֿאַמיליע זײַנע פֿאַרלאָזן. ער האָט געוווּסט אַז אין שטוב הערשט אַן עלנט, אַ ביטערע נויט. איטלעכער באַזונדער קומט נעבעך אָפּ, און דער טאַטע, זײַן טײַערער, ליבהאַרציקער טאַטע, מוז דאָס אַלצדינג צוזען מיט די אויגן און אויסגיין ווי אַ ליכט, וואָס ער איז ניט ביכולת צו העלפֿן. ער האָט געוווּסט ווי שטאַרק ער גייט איטלעכן אין שטוב אָפּ, ווי שטאַרק די עלטערן און די שוועסטער האָבן אים ליב, און ווי אַזוי שרעקלעך זיי מוזן נאָך אים בענקען. דעריבער, ווי שלעכט אים אַליין נעבעך איז געווען, ווי שטאַרק ער האָט אויך אַהיים געבענקט, פֿלעגט ער עס דאָך אין זײַנע עפּטערע בריוולעך ניט אַרויסווײַזן און אַלץ אײַננעמען זײַנע עלטערן מיט גוטע, טרייסטנדיקע רייד. אין איטלעכס בריוו כּמעט אַלץ דאָס אייגענע: אַז אין דער סלוזשבע[2] איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, ווי אַנדערע שטעלן זיך פֿאָר, מען באַדאַרף נאָר זײַן אַן ערלעכער מאַן; אַז די עלטערן זאָלן ניט אַזוי שטאַרק זיך מצער זײַן, זאָלן זיך שטאַרקן, ניט פֿאַרלירן די האָפֿענונג. גאָט וועט

העלפֿן, ער וועט זיך אויסדינען, וועט ער אָנווענדן אַלע כּוחות צו ווערן אַ מענטש, צו פֿאַרזיסן זייערע עלטערע יאָרן, און זיי וועלן נאָך, אם ירצה השם, פֿון אים נחת האָבן. צו איטלעכער שוועסטער באַזונדער איז געווען גאָר אַ פֿרײַנדלעכער גרוס, ער האָט זיי געבעטן אָפּצושפּאָרן אַ שטיקל צײַט אונטערצוהאַלטן דאָס ביסל לערנען, וואָס זיי האָבן בײַ אים געגנאַשט, העלפֿן דרינען איינע די אַנדערע און, למען השם, זיך סטאַרען צו זײַן געזונט. זײַנע בריוו האָבן אַלע אין שטוב געלייענט מיט אַ וויינען און לאַכן אין איינעם. עס האָט אויסגעזען, ווי אין דרויסן אַ מאָל אַ זון מיט אַ רעגן צו גלײַכער צײַט.

13 נאָר דאָס איינציקע שטיקל טרייסט האָט פּלוצים אויפֿגעהערט. פֿישל איז דעם 77־יאָר מיט זײַן פּאָלק אַוועקגעגאַנגען אויף דער מלחמה קיין בולגאַריען[3], און שוין עטלעכע חדשים, אַז פֿון אים איז ניטאָ קיין שום ידיעה, קיין אײַנגעטונקטע פּען! דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אַרומגעגאַנגען ווי די דולע. איטלעכער האָט איבערגעטראַכט אַל דאָס בייזס, און איטלעכער האָט זיך געהיט אַרויסצוזאָגן וואָס ער טראַכט, ניט מצער צו זײַן דעם אַנדערן. איטלעכער האָט שטילערהייט געוויינט אין אַ ווינקעלע, זיך געשטיקט מיט די טרערן, דער אַנדערער זאָל עס ניט אַרויסזען.

14 מען האָט באַדאַרפֿט זען עלקען אויף דעם גרויסן פּלאַץ לעבן דער טשאַסאָוונע[4], בשעת דער קורסקער פּאָלק, וואָס איז געשטאַנען אין זשיטאָמיר, איז פֿון דאָרט אַוועקגעגאַנגען אויף דער מלחמה. דער פּלאַץ איז געווען באַדעקט מיט מענטשן. דאָרטן זײַנען געשטאַנען טאַטעס, מאַמעס, ווײַבער מעוברתע, זויגעדיקע, מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט, גוטע ברידער און לײַבלעכע קרובֿים, וואָס זײַנען געקומען צו געזעגענען זיך מיט זייער בעסטע, טײַערסטע אין לעבן און אַ קוק טאָן אויף זיי אפֿשר דאָס לעצטע מאָל. אַלע זײַנען געשטאַנען ווי אויף קעפּ און געבראָכן די הענט. פֿון הונדערטער מײַלער איז אויף פֿאַרשיידענע טענער אַרויס אַ קרעכצן מיט אַ זיפֿצן, וואָס האָבן זיך פֿאַרמישט אין איין דומפּען משונהדיקן ניגון און זיך געטראָגן אַרום און אַרום צווישן דעם גאַנצן עולם, אָנזשווזשענדיק איטלעכן פֿולע אויערן עפּעס אַזוי טרויעריק, אַזוי מרה־שחורהדיק, אַזש עס איז קיל געוואָרן אין בויך און מוראַשקעס זײַנען אויף דעם גאַנצן לײַב איבערגעגאַנגען.

15 קוים האָט דער קאָמאַנדיר אַ זאָג געטאָן "מאַרש", און די סאָלדאַטן האָבן זיך גערירט אין וועג, געזעגענענדיק זיך פֿונעם גאַנצן האַרצן מיט דעם עולם, איז דאָס געקרעכצערײַ מיט אַ מאָל איבערגעגאַנגען אין אַ הויכן שרעקלעכן געוויין אויף אַלערליי קולות. אין דעם דאָזיקן ביטערן קאָנצערט האָט זיך שטאַרק געלאָזט הערן אַ יאָמער, אַ קלאָג פֿון אַ ייִדענע. עלקע האָט זיך פֿאַרגעשטעלט בשעת מעשׂה איר זון; אַלצדינג, וואָס איר האָט זיך ביז אַהער אָנגעקליבן אויפֿן האַרצן, איז פּלוצים אַרויס אין אַ פֿאַרכטערלעכן יאָמער ביז דעם זיבעטן הימל. זי האָט אַ גאָס געטאָן מיט טרערן, דערלאַנגט אַ געשריי

און געפֿאַלן באַלד אין חלשות. מען האָט זי קוים אַ לעבעדיקע אַהיים געבראַכט!...

16 גליקלעכע עלקע! בײַ דיר האָבן די אָנגעקליבענע ייִסורים, ווי אַ לאַווע פֿון אַ פֿײַערשפּײַענדיקן באַרג, אין שטראָמען טרערן דורך די אויגן זיך אויסגעגאָסן, און ס׳איז דיר געוואָרן פֿרײַער אויפֿן האַרצן. בײַ פֿײַטלען אָבער איז דאָס האַרץ געווען פֿאַרשטיינערט. אינעווייניק האָט אַלץ געטליִעט, געטליִעט, און די צונויפֿגעשטיקטע ייִסורים האָבן מיט אַ מאָל אויסגעבראָכן אין איין אינעווייניקסטן העליש פֿײַער, זיך צעוואָרפֿן ווי אַ פֿאָזשאַר אין אַלע גלידער און אים אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכע היציקע קרענק. אַ היפּשע צײַט איז ר׳ פֿײַטל געלעגן אין היץ און איז געשטאַנען מיט אַ פֿוס אויף יענער וועלט. גאָט אָבער האָט דערהערט דאָס געבעט פֿון זײַן הויזגעזינד, וואָס תּאָט נעבעך שטאַרק געוויינט, אײַנגעלייגט די וועלט, און אים געשענקט דאָס לעבן. יאָ, גאָט האָט אים געשענקט דאָס לעבן, אָבער ניט קיין געזונט. צו זײַנע קרעפֿטן האָט ר׳ פֿײַטל שוין ניט געקענט קומען. ער איז געווען אַ קראַנקלעכער מענטש.

17 די פֿאַרדינסטן אין דער היים האָבן ר׳ פֿײַטלען זיך שוין גאָר אויסגעלאָזט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן זיך אַוועקצולאָזן ערגעץ אין דער פֿרעמד, אפֿשר וועט אים דאָרט גאָט עפּעס באַשערן. ער האָט ניט פֿאַרלאַנגט פֿון גאָט קיין גרויסע זאַכן, נאָר אַ שטיקל כּשר ברויט אַבי צו דערהאַלטן די נשמה. עלקע פֿלעגט הערן דעם מאַנס פּלענער פֿון אַוועקפֿאָרן און (פֿלעגט) פֿאַרוואַרפֿן מיט דעם קאָפּ.

18 — ניין, איך וועל דיך, אָסור, ניט לאָזן — פֿלעגט זי תּחילת אַלץ זאָגן — וווהין וועסטו פֿאָרן, וויי איז מיר, ביסט ניט קיין געזונטער מענטש, אין דער היים איז נאָך נימער ערגער. ס׳איז כאָטש דאָ ווער עס זאָל דיך אָפּהיטן, ביסט לעבן דײַן ווײַב און קינדער. אין דער פֿרעמד אָבער איז גאָר עפּעס אַנדערש. חלילה וועסטו קראַנק, ביסטו דאָך אויסגעשטעלט. ווער עס אַרן אויף דיר אומצוקוקן זיך? דו קענסט דאָך, ווייסט איז מיר, אויסגיין, און וואָס וועט פֿון אונדז בידנע אָן דיר זײַן? ניין, ניין, זאָג איך דיר, בלײַב אין דער היים, גאָט קען דאָ אויך עפּעס צושיקן, וואָס גאָט וועט געבן — כאָטש אין איינעם.

19 גאָט אָבער האָט ניט צוגעשיקט, גאָט האָט שוין אַ לאַנגע צײַט ממש גאָרנישט געגעבן, און עלקע האָט ניט ווילנדיק געמוזט צושווײַגן, אַז דער מאַן פֿלעגט ריידן וועגן פֿאָרן. זי האָט, אמת, טאַקע צוגעשוויגן, ניט מער געטענהט, אָבער אינעווייניק האָט עס זי געקאָטשעט, עס האָט איר זיך געקאָכט דאָס בלוט, אַזוי שווער איז איר געווען דעם געדאַנק צו פֿאַרטראָגן.

20 אָט אַזוי האָט זיך עס פֿאַסידט מיט אונדזער ר׳ פֿײַטלען און זײַן הויזגעזינד, זינט פֿישל איז אַוועק ביז אַצינד.

21 און אַצינד, וואָס איז אַצינד? שאַט, אָט וועלן מיר עס באַלד טאַקע הערן.

22 — עלקע — האָט ר׳ פֿײַטל געזאָגט נאָך דעם, אַז ער האָט געענדיקט דאָס שרײַבן און אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט איין האַנט אויפֿן טיש.

23 עלקע האָט שווײַגנדיק אַנטקעגן אַ פּאָר מינוט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט איבער דער לאַטע, די נאָדל האָט זיך געוואָרפֿן צווישן אירע ציטעריקע פֿינגער. זי האָט געגנייט און געמאַכט גרויסע שטעך, דערנאָך האָט זי אָפּגעביסן דעם פֿאָדעם מיט די ציין, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און מיט נאַסע אויגן, געשוואָלענע, ווי די באַנקעס, אַ קוק געטאָן צו ר׳ פֿײַטלען, ניט צו ריידן קיין וואָרט.

24 — עלקע, דו וויינסט? — האָט ר׳ פֿײַטל זיך אָנגערופֿן און אַליין זיך אויך געוואָרגן מיט טרערן — אי, פֿע, כ׳לעבן. דו זעסט דאָך, אַז מײַן נסיעה איז פֿאַר אונדז אַלע נייטיק, מיר האָבן דאָך איבער דעם פֿריִער אַזוי פֿיל גערעדט און פֿיל זיך מיישבֿ געווען, הײַנט צו וואָס זאָלסטו אומזיסט וויינען, דיר קאַליע מאַכן די אויגן און מיך אַזוי שטאַרק מצער זײַן איצט, קעגן אַ שעה פֿאַר מײַן פֿאָרן. אַלצדינג, עלקע, איז מיט אַן עק. לאָז שוין זײַן אויך אַן עק פֿונעם וויינען.

25 — אַך, פֿײַטל — האָט עלקע געענטפֿערט — וואָס זאָל איך טאָן, אַז עס וויינט זיך אַליין? דײַן נסיעה ליגט מיר ווי אַ שטיין אויפֿן האַרצן, זי שטעלט זיך מיר אַלץ פֿיר עפּעס זייער שרעקלעך. אַ קאַטאָוועס עפּעס אַזאַ נסיעה, אַזאַ ווײַטע נסיעה! איך האָב מורא!...

26 — אַ קאַטאָוועס עפּעס! — איז ר׳ פֿײַטל אַרײַן עלקען אין די רייד, און האָט געשפּעט קלאָמערשט מיט אַ פֿריילעכן פּנים — עפּעס אַ קאַטאָוועס וווּהין איך פֿאָר, ערגעץ אין אַ העק, אין פּעטערבורג! קאַטשאַניווקע איז דאָך דאָס אַנטיק, די סמעטענע פֿון דער גאַנצער וועלט. דאָס נאָר איז דאָס גאַנצע לעבן, און פּעטערבורג, מישטיינס געזאָגט, איז דאָך אַ בלאָטע, אַ וויסט ווינקל, ערגעץ אין עק וועלט! איז דען דאָרט כ׳לעבן, עפּעס אַ לעבן?!

27 — ווי פֿאַר וועמען — האָט עלקע זיך אָפּגערופֿן מיט אַ זיפֿץ און געשאָקלט מיט דעם קאָפּ — ווייס איך וואָס דאָרט קען זיך מאַכן?

28 — אי, פֿע, כ׳לעבן! — האָט ר׳ פֿײַטל געמאַכט און זיך אויסגעגלײַכט אויף זײַן בענקל — דו רעדסט, עלקע, האָב אויף מיר קיין פֿאַריבל ניט, טאַקע ווי אַ ייִדענע, טאַקע ווי איינע, וואָס האָט פֿאַרלאָרן דעם גאַנצן בטחון. פּעטערבורג האַלט, ברוך השם, אויס אַזוי פֿיל הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס לעבן דאָרט אָפּ זייערע יאָרן אין עושר וכּבֿוד, וועל איך איינער דאָרטן צווישן אַזוי פֿיל הונדערט טויזנטער לײַט ניט קענען לעבן און געפֿינען מײַן באַדערפֿעניש! און וואָס, מישטיינס געזאָגט, וויל איך דען? איך וויל ניט קיין קאַרעטעס, קיין מיליאָנען, קיין ווױלטעג, איך וויל נאָר אַ שטיקל ברויט, איך וויל עסן און ווי עס איז לעבן אויף דער וועלט. הײַנט וועל איך אין פּעטערבורג גאָר ניט זײַן אַזוי עלנט, אַזוי ווילד־פֿרעמד, ווי דו מיינסט. איך האָב דאָרט באַקאַנטע פֿונעם רײַכן און מיטעלן עולם. דאָרט זײַנען דאָ אַזעלכע, מיט וועלכע איך האָב אַ מאָל געדינט אין אַקציז, אַ טייל פֿון זיי, ווי איך האָב געהערט, זײַנען זייער רײַך און שפּילן אַ ראָלע. איך וועל זיי חלילה ניט באַרירן מיט קיין געלט, אָבער אויף זייער הילף מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ גאַנג, אויף זייער טרחה פֿאַרשאַפֿן

מיר עפּעס אַ שטעלע קען איך, דאַכט זיך מיר, זייער גוט רעכענען. נישקשה, עלקע! — האָט ר׳ פּײַטל אַ זאָג געטאָן, געשטאַרקט פֿון זײַנע אייגענע רייד — נישקשה, כ׳לעבן.

29 — הלוואַי, ס׳זאָל זײַן נישקשה, נאָר אָט דאָ, דאָ — האָט עלקע זיך אָנגערופֿן און געקלאַפּט מיט דעם לאַנגן פֿינגער אויפֿן האַרצן — אָט דאָ איז מיר עפּעס ניט פֿריילעך. עס ליגט מיר אָט דאָ עפּעס ווי אַ שווערער שטיין. אַך, פּײַטל, עס גיסט זיך מיר טרערן, וואָס זאָל איך טאָן, איך בין ניט מער ווי אַ שלאַבעריקע ייִדענע און קען מיר ניט אײַנהאַלטן פֿון וויינען.

30 — גענוג, כ׳לעבן, דײַנע ווײַבערשע טרערן! — האָט ר׳ פּײַטל געזאָגט מיט אַ קול פֿון פֿאַרדראָס און פֿון געבעט אין איינעם — די צײַט איז קורץ. לאָז מען בעסער אַרויסנעמען דאָס רענצעלע און שוין אָנהויבן אײַנפּאַקן די זאַכן. איז שוין אַלצדינג גרייט? די העמדער אויסגעפּאַריכט? דער עיקר איז קנעפּלעך. עס זאָלן שטאַרק צוגענייט זײַן די קנעפּלעך.

31 ר׳ פּײַטלס דאָזיקע ווערטער האָבן אָנגעמאַכט אַ גאַנצע סומאַטאָכע. די קינדער האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן, אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטער דעם בעט עפּעס אַן אַלט אָפּגעריבן רענצעלע, צעהאַקט, צעפּאַלן, מיט אַ סך קנייטשן, וואָס האָבן אַרויסגעטאַרטשעט ווי בײַ אַ סובאָטאָטשניק די דאַרע טרוקענע ביינער. די אַלע מיני גוזמאות לאַטעס אויף אים האָבן באַוויזן, אַז ער האָט אין זיך גענוג יאָרן, אַז ער איז אויסגעוועזן אין זײַן לעבן אין אַ סך פּאָכאָדן[5] און גענוג קריעה געריסן. אַזאַ מין שלימזל האָט מען שוין גאַנץ לאַנג געמעגט געבן אַ טשיסטע אָטסטאַווקע[6] און אַרויסוואַרפֿן צו אַלדי שוואַרצע יאָר. זײַן טריפֿן מזל איז נאָר געווען, וואָס ר׳ פּײַטלען האָבן געקוועטשט די אומשטענדן, און מען האָט געמוזט פֿאַר צרות אויף אַזאַ אַלטן שקראַב[7] האַלטן אויף דער סלוזשבע, זיך מיט אים צו באַנוצן: אַרײַנלייגן אין אים פֿאַרשיידענע זאַכן אין דעם בעל־הביתישקייט, ווי, אַ שטייגער, אויס־געקרימטע פֿאַרזשאַווערטע טשוועקעס, סקאָבעלעס, צעבראָכענע העסע פֿון אַ געוועזענעם לײַכטער, אַ צעבויגענע בלעכענע קוואָרט און אויס־געמולעטע שטילן פֿון מעסערס, אַלטע אויסגעטריפּלטע וואָלענע זאָקן, אַ צעריסן אָפּגעבאַרעט היטל מיט אַ צעשפּאָלטענעם דאַשעק, אי עטלעכע פֿאַרשמאָלצעוועטע קאָפּעליושלעך מיט לעבער, אַ שטיקל פּוטער און אַ פֿאַרטריקנט פּאַבירן ביטל וכדומה נאָך אַזעלכע שמאַטעס. עלקע האָט זיך אויפֿגעהויבן פּונעם בענקל, געוואָלט גיין מקבל פנים זײַן דעם אַלטן תּרח און איבערנעמען פֿון אים מיט אַ חשבון די אַלע שמאָכטעס, עס זאָל חלילה קיין פּיצל ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

32 — וואַרט נאָר, וואַרט אַ ביסל עלקע! — האָט ר׳ פּײַטל בלאָס מיט אַ ציטערנדיקער שטימע זיך אָנגערופֿן, ווײַזנדיק מיט אַ פֿינגער אויף דעם פּאַפּיר, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג געשריבן — זעסטו, עלקע, דאָס איז אַ נייטיק בריוול, וואָס דו וועסט באַדאַרפֿן מיט מאָרגנדיקער פּאָסט אַוועקשיקן, איך שרײַב וועגן אים... וועגן אונדזערן... שרײַב איך.

33 עלקע האָט, נישקשה, געוווסט דעם טײַטש פֿון איר מאַנס ווערטער, ווען ער מיינט. דער געדאַנק פֿון פֿישלען האָט זי, ווי אַ דונער, דערשלאָגן. זי איז געבליבן שטיין באַטריבט, עטלעכע רגעס אָן לשון.

34 — צו וועמען שרײַבסטו עס ווײַטער? — האָט זי דערנאָך שטיל אַ פֿרעג געטאָן און געווישט די אויגן.

35 — הײַנטיקס מאָל — האָט ר׳ פֿײַטל געענטפֿערט — שרײַב איך צו אונדזער דאָקטאָר. ער איז הײַנט, בשעת מלחמה, אין גאַלאַץ גלאַוונער דאָקטאָר אין דעם וואָיענע האָספּיטאַל[8]. ער איז דאָך אַ גוטער מענטש, מײַנער אַ באַקאַנטער.

36 — אַך, ווײ און ווינד איז דער מאַמען! — האָט עלקע טיף פֿונעם האַרצן געקרעכצט — הלוואַי גאָט זאָל רחמנות האָבן, הײַנטיקס מאָל זאָל דאָס שרײַבן שוין ניט זײַן אומזיסט. לייען, איך בעט דיך, וואָס שרײַבסטו אים!

37 — איך שרײַב אים לשון־קודש — האָט ר׳ פֿײַטל געענטפֿערט, נעמענדיק דאָס בריוול אין דער האַנט — דו וועסט עס דאָך ניט פֿאַרשטיין. איך וועל מיך פּרווון ווי עס איז איבערזעצן דיר נאָר דעם תּמצית.

38 — ״מײַן איינציקער זון״ — אַזוי שרײַב איך אים — ״מײַן איינציקער זון — מײַן לעבן, מײַן נשמה, מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, איז אַ סאָלדאַט! דעם חטא, וואָס אַנדערע וואַרפֿן אונדז פֿיר, אַז מיר האָבן ניט קיין פֿאָטערלאַנד, מוזן מיר, שלימזלדיקע, נעבעך, אויסקויפֿן מיט אונדזערע איינציקע״... ניין, ניין, דאָס לאָזט זיך ווײַטער ניט איבערגעבן. אָט הער בעסער פֿון דאַנען: ״איך וויין שוין ניט דערויף״ — שרײַב איך — ״וואָס מײַן איינציקער זון איז בײַ מיר צוגענומען אין מײַנע עלטערע יאָרן, און איך מיט מײַן הויזגעזינד מוזן דורך דעם שרעקלעך לײַדן דחקות. ניין, דערויף זײַנען מיר דאָך ייִדן און מיר מוזן (דאַרפֿן) לײַדן. איך וויין אָבער דערויף, וואָס פֿון מײַן זון האָב איך שוין עטלעכע חדשים קיין שום ידיעה ניט. ער איז אַוועק אין דער מלחמה, און גאָט ווייסט, וואָס מיט אים האָט זיך געמאַכט... איך בעט אײַך, ליבער הער דאָקטאָר, אפֿשר וועט אײַך מעגלעך זײַן צו דערגיין זיך עפּעס וועגן מײַן זון, זאָלט איר עס טאָן און מיר דערפֿון צושרײַבן, עס מעג זײַן אַפֿילו אין ערגסטן פֿאַל, ווען ער איז חלילה... דאָס ניט וויסן איז נאָך אין פֿיל גראָדן ערגער. איך קלאָג פֿאַר אײַך מיט יעקבֿ אָבֿינוס ווערטער: איך וועל פֿון מײַן זון גיין טרויעריק אין דער ערד אַרײַן... האָט רחמנות, דאָקטאָר, אויף אַן אַלטן אומגליקלעכן טאַטן, אויף אַן אַלטער אומגליקלעכער מוטער, אויף אַ גאַנצע בידנע הויזגעזינד! איר זענט דאָך, דאָקטאָר, אַ ייִד און ווייסט דעריבער, אַז אַ ייִד איז אויך אַ מענטש מיט אַ האַרץ, מיט געפֿיל, אַז אַ ייִד קען אויך ליב האָבן זײַנע קינדער, אַז אויב אַ ייִדן קוועטשט, פֿילט ער אויך אַ ווייטיק און קען מחמת ווייטיק, ווי אַנדערע באַשעפֿנישן, שטאַרבן! נאָך אַ מאָל, דאָקטאָר, האָט רחמנות, עס איז אויף אונדז אַלע, נעבעך, אַ צער־בעלי־חיים!...״

39 אַז ר׳ פֿײַטל האָט אָפּגעלייגט דעם בריוו, איז ער געבליבן זיצן ווי אַ דולער. עלקע האָט שטייענדיק אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אויפֿן ברעג טיש און,

נעבעך, שרעקלעך געכליפּעט. אַזוי איז זי געשטאַנען אָנגעבויגן אַ היפּשע צײַט אָן אַ באַוועגונג, נאָר וואָס די אַקסלען האָבן איר זיך געוואָרפֿן אַרויף און אַראָפּ ווי אין קרחת.

40 אַך, בירנע אומגליקלעכע עלקע!

41 — לאָז שוין זײַן גענוג, עלקע, גענוג, איך בעט ריך! — האָט ר׳ פֿײַטל זיך אָנגערופֿן, צוגייענדיק צו עלקען און איר אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף דער פּלייצע — קום, לאָמיר בעסער אין זינען האָבן אײַנצופּאַקן די זאַכן. די צײַט שטייט ניט. נישקשה, כ׳לעבן, דו וועסט זען, אַז גאָט וועט העלפֿן. נו־נו, עלקע, מאַך זיך ניט נאַריש, מען טאָר ניט פֿאַרלירן די האָפֿענונג, כ׳לעבן!

42 אין אַ פֿערטל שעה אַרום לערך איז דאָס רענצעלע, דער אַלטער תּרח, געשטאַנען אָנגעפּאַקט מיט אַ פֿול בײַכל און מיט אײַנגעפֿאַלענע צעקנייטשטע זײַטן. אַהין אין בײַכל זײַנען אַרײַן עטלעכע העמדער, תּאָס עלקע האָט פֿאַרלאַטעט, עטלעכע פּאָר אונטערגעאַרבעטע סקאַרפּעטקעס, די שבתדיקע קאַפּאָטע, אַ קליין קישעלע און נאָך קלייניקייטן, וואָס די קינדער האָבן אין אים אָנגעשטאָפּט. ער האָט אויסגעזען ווי ראָסינאַנטע, די דאַרע אָפּגעבאַרעטע שקאַפּע, וואָס דאָן קישאָט האָט זי אויף די עלטערע יאָרן, אַז זי האָט קוים־קוים זיך געהאַלטן אויף די פֿיס, אַרויסגעשלעפּט ווידער פֿונעם שטאַל, זי אָנגעזאָטלט און זיך געזעצט אויף איר רײַטנדיק, צו מאַכן מיט אַזאַ נבֿלה זײַן באַרימטע משוגענע נסיעה.

43 — ווייסט איר וואָס, קינדער! — האָט עלקע זיך אָנגערופֿן — מאַכט, כ׳לעבן, רעם סאַמאָוואַר. איידער דער בעל־העגלה וועט זיך אויסשלאָפֿן קומען, וועט דער טאַטע דערווײַל קענען עפּעס איבערגעבאַפּן און פֿאַרטרינקען מיט טיי. איאָ, פֿײַטל?

44 — מהיכא־תּיתי — האָט פֿײַטל געענטפֿערט און געמאַכט דערבײַ אַ פֿריילעך פּנים — נאָר מיט דעם תּנאַי, מיר זאָלן איבערכאַפּן אַלע אינײנעם. לאָמיר די עטלעכע מינוט פֿאַרן פֿאָרן צוברענגען בײַם טיש אינײנעם. אָנו, קינדערלעך, שטייט ניט אַזוי פֿאַרזאָרגט. איך פֿאָר דאָך ניט אַוועק מעבֿר לים. דער אַלטער גאָט לעבט נאָך. ער איז נאָך ניט געשטאָרבן. מיר וועלן זיך נאָך זען אין נחת און אין פֿריידן. פֿריילעכער, קינדער, עט, כ׳לעבן!

45 די קינדער האָבן אויפֿגעהויבן די קעפּ און געקוקט פֿריילעכער. צי דאָס פֿריילעכקייט איז געווען אַן אמתע אָדער אַ געמאַכטע, דאָס איז שווער צו זאָגן. גיכער איז צו גלויבן דאָס לעצטערע. זיי האָבן זיך געמאַכט האַרץ בבֿדי צו שטאַרקן דערמיט דעם טאַטן, וועלכן זיי האָבן ליב געהאַט ווי דאָס לעבן, און ניט צו מצער זײַן אים פֿאַרן אַוועקפֿאָרן מיט אומעטיקע פּנימער. אַזוינס זײַנען זיי שוין געפּרוווט געוואָרן פֿיל מאָל.

46 ניט איין מאָל, בשעת שלעכטע צײַטן, בשעת אַ גרויס עלנט אין שטוב, און דער טאַטע זייערער איז געווען דערפֿון שרעקלעך געקרענקט, פֿלעגן זיי, נעבעך, אַלצדינג אַראָפּשלינגען און זיך מאַכן גלײַך ווי זיי האָבן כּל־טובֿ און עס גייט זיי, ברוך השם, בײַם טאַטן אין שטוב גאָרניט אָפּ. איין קליידל האָט

איטלעכע געהאַט אויפֿן לײַב, און זײַנען געווען צופֿרידן גלײַך ווי זיי זײַנען באַנייט, באַקליידט. און מען האָט געמעגט אויף חידושים זען, וואָס פֿאַר אַ פּנים דאָס קליידל האָט אויף זיי געהאַט, תּמיד ריין, תּמיד גאַנץ, ווי ערשט פֿון דער נאָדל! טאַקע אמת ערשט פֿון דער נאָדל, ווײַל אַלע טאָג במעט איז דאָס קליידל געווען אונטער דער נאָדל. נאָר עפּעס אַ שטעפּ, אַ טרען אין דער נאָט, אָדער סע זאָל זיך אָפּרייסן אַ העקל, איז דאָס באַלד טאַקע פֿאַרריכט געוואָרן און בײַם איטלעכן מאָל פֿאַרריכטן האָט זי זיך זיי געדאַכט גלײַך ווי גאָר אַ שפּאָגל־נײַ קליידל. נאָר ווי די מעשׂה איז געווען, צי האָבן זיי איצט זיך געמאַכט פֿרייליך, צי ניין, ביילע, ראָס קליינע מיזינקעלע, איז עס טאַקע געווען פֿונעם גאַנצן האַרצן. זי איז פֿונעם טאַטנס לעצטע ווערטער עפּעס לעבעדיק געוואָרן.

47 — אַך, פּאַפּאַשאַ, פּאַפּאַשענקאַ! — האָט זי צולויפֿנדיק צו אים געזאָגט און אַרומגעכאַפּט אים מיט בײדע הענטלעך — דו פֿאָרסט, כ׳לעבן נעם מיך אויך מיט, פּאַפּאַשאַ.

48 — סטײַטש, ווי אַזוי וועסטו פֿאָרן, אין דרויסן איז אַזוי קאַלט, דו וועסט דאָך אויפֿן וועג דערפֿרוירן ווערן — האָט ר׳ פֿײַטל געענטפֿערט אַ קוש געבנדיק ביילען גאַנץ שטאַרק.

49 — וואָס הייסט, ווי אַזוי? — האָט ביילע געמאַכט פֿאַרוווּנדערט — איך וועל פֿאָרן אין מײַן קליידל, אויפֿן האַלדז וועל איך אָנטאָן מײַן טיכל, וואָס דו האָסט מיר פֿאַר אַ יאָרן געקויפֿט. נישקשה, עס וועט מיר זײַן וואַרעם. די מאַמע וועט מיר נאָך געבן איר שאַל.

50 — וואָס רעדסטו, נאַרעלע, אין וואָס וועט גיין די מאַמע און די אַלע איבעריקע קינדער? ס׳איז דאָך דאָ אין גאַנצן נאָר איין שאַל פֿאַר אַלע — האָט ר׳ פֿײַטל געזאָגט, און אין זײַן קול האָט זיך געהערט עפּעס אַ זיפֿץ, וואָס האָט געשניטן דאָס האַרץ ווי מיט אַ מעסער.

51 — נישקשה, פּאַפּאַשע, נעם מיך מיט! — איז ביילע צוגעשטאַנען צו ר׳ פֿײַטלען און אים געגלעט, געקושט און געהאַלדזט.

52 — טשעפּע זיך אָפּ, זלידנע! — האָט עלקע זיך געבייזערט — לאָז דעם טאַטן צו רו, לאָז ער גיין צום טיש עפּעס עסן.

53 דער טיש איז שוין געווען געגרייט. אויף אַ טעלער איז געלעגן אין דינע שטיקלעך אַ צעשניטענער, געפּאַלמעסטער הערינג, וואָס דער קאָפּ זײַנער איז שוין לאַנג אויף דער וועלט ניט געווען, מען האָט אים אויפֿגעגעסן נאָך מיט אַ פּאָר טעג פֿריִער. דערבײַ איז געשטאַנען אין אַ טעלער אַ ביסל גריוון, וואָס האָט געשמעקט גאָר מחיה און דער ריח דערפֿון איז זיך צעגאַנגען איט־לעבן אין אַלע אבֿרים. אַזאַ ראָסקאָש[9] האָט מען אין ר׳ פֿײַטלס הויז זיך פּאָזוואָלעט[10] נאָר אין אַ זעלטענעם פֿאַל, און ביילע האָט זיך ניט געקענט אײַנ־האַלטן אַ זאָג צו טאָן: ס׳איז דאָך הײַנט בײַ אונדז עפּעס גאָר אַ גאַנצער באַל.

54 קוים האָט מען זיך געזעצט צום טיש, און מען האָט נאָך ניט אוספּייעט[11] אַראָפּצושלינגען דעם ערשטן ביסן, האָט פּלוצים זיך געלאָזט הערן פֿון דרויסן

אַ משונה ווילדער סקריפּ און אַ קול 'פּרר' מיט טויטע קללות אויף עמעצנס קאָפּ נעבעך, וואָס דאָס האָט אויפגעוועקט ערגעץ אַ הונט, און ער האָט גענומען האַווקען, בילן אויף וואָס די וועלט שטייט. באַלד טאַקע איז מיט אַ לאַנגער בײַטש אין דער האַנט אַרײַן דער בעל־עגלה, אַ געזונטער, אַ פּלעטשיסטער בחור מיט אַ פֿאַרכמורעט, ברוגז פּנים, גלײַך ווי מען האָט אים געשאָלטן אין טאַטן אַרײַן און אים געקוילעט די קאַפּאָטע. בײַ זײַן אַרײַנקומען האָט איטלעכן זיך געשטעלט דער ביסן אין האַלדז, און אַלע זײַנען בלאַס געוואָרן, ווי זיי וואָלטן דערזען דעם מלאך־המוות.

55 — פֿאָרן, קומט פֿאָרן! — האָט דער בעל־העגלה געוואָרטשעט קוקנדיק אויף דער וואַנט, ניט מזכּה צו זײַן קיינעם מיט אַ בליק.

56 — לאָזט כאָטש עפּעס אָפּעסן און אויסטרינקען אַ ביסל וואַרעמס! האָט עלקע געבעטן דעם בעל־עגלה ווי מען בעט זיך פֿאַר אַ גזלן.

57 — אַ, פֿאַרכאַפּט זאָל עס ווערן אין גאַנצן! — האָט דער בעל־עגלה זיך געפּלוכט אויף אַ גראָב צעבריפּעט קול — נאָט אײַך פֿאַרשוינען אויף מײַן קאָפּ! אַ גאַנצע נאַכט האָב איך מיט איטלעכן דאָס לויפּעניש, אויסמאָרדעווען די פֿערד פֿאַר עטלעכע האַרטע פֿאַרציקערס. עס קלעקט אַפֿילו ניט אויף דער בעל־הביתטע אין דער סטאַנציע אָפּצוצאָלן. אָ, פּגרן זאָל זי אין איינעם מיט די פֿערד, מיט די פֿאַרשוינען! אין דער ערד אַרײַן אין גאַנצן! טרינקען אַ ביסל וואַרעמס קען מען דאָך אין קאַדניע, טפֿו, פֿאַרכאַפּט זאָל עס ווערן!

58 — ווען רעכנט איר זײַן אין קאַדניע? — האָט עלקע געפֿרעגט מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

59 — מאָרגן, כּלחוך השור, גאַנץ פֿרי צום דאַווענען — האָט דער בעל־עגלה געענטפֿערט שוין אַ ביסל ווייכער, נאָך דעם, אַז ער האָט זיך פֿריִער אויסגעזידלט — הײַנט ניט, פֿעטער. די פֿאַרשוינען זיצן שוין און וואַרטן. ווו זײַנען די זאַכן?

60 — נעמט, זײַט מוחל, אָט דעם רענצעלע! — האָט ר׳ פֿײַטל געזאָגט צו דעם בעל־עגלה. אַליין איז ער אַוועק אין אַ ווינקעלע, אַרויסבאַקומען פֿון דער בוזעם־קעשענע עפּעס אַ בײַטעלע, פֿון דאָרט האָט ער אַרויסבאַקומען עטלעכע גילדן און צוגערופֿן צו זיך עלקען.

61 — נאַ דיר, עלקע, עפּעס געלט — האָט ער צו איר געזאָגט און געוואָלט איר אַרײַנלייגן אין דער האַנט — האָב כאָטש וואָס איז אויף דער ערשטער צײַט. דו בלײַבסט דאָך אָן אַ גראָשן.

62 — חלילה — האָט עלקע זיך אָנגערופֿן און אַוועקגענומען די האַנט צוריק — דו האָסט אַליין קוים אויפֿן וועג. מיר אין דער היים וועלן שוין ווי עס איז דורכקומען. מיר וועלן מוזן לײַען און באָרגן, אָבער דו, וואָס וועסטו טאָן אויפֿן וועג? עפּעס אַ קאַטאָוועס אַזאַ ווײַטע נסיעה. הלוואַי עס זאָל דיר קלעקן דאָס ביסל, וואָס דו האָסט.

63 — איך בין הײַנט געווען אין דעם קלייטל פֿון מעל — האָט ר׳ פֿײַטל געזאָגט — איך האָב געמאַכט מיט דער מוטשנישקע[12] דאָרט אַ חשבון. איך האָב זי

געבעטן צו וואַרטן מיט דעם חובֿ און זי זאָל דיר דאָ דערוויַיל באָרגן מעל. דאָי ערשטע געלט, וואָס וועט מיר, אם ירצה השם, אַריַינפֿאַלן, וועל איך עס איו מיט דאַנק אָפּשיקן.

64 — אין קלייטל פֿון שפּיַיז קומט אויך — האָט עלקע געזאָגט און אַ שטילן זיפֿ געטאָן.

65 — דאָרט בין איך אויך געווען, און מען האָט מיר צוגעזאָגט צו וואַרטן.

66 — הײַעט ניט, פֿעטער — האָט זיך געהערט דעם בעל־עגלהס קול פֿון יענע זײַט טיר. ר׳ פֿײַטל האָט געשווינד אָנגעטאָן אויף זיך עפּעס אַן אָפּגעבאַרע אויסגעקראָכן טולעפּל, זיך פֿאַרגאַרטלט דערויף מיט אַ פֿאַסיקל און זי גענומען געזעגענען מיט ווײַב און קינדער.

67 — זייַ געזונט, עלקע! — האָט ער מיט אַ ציטעריק קול געזאָגט — און אין ז אויגן האָבן זיך אים געשטעלט טרערן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו ז קינדער, אויסגעקושט איטלעכן באַזונדער און מיט זיי זיך רירנד געזעגנט.

68 עס איז געווען אַ רירנדע סצענע, וואָס לאָזט זיך ניט באַשרײַבן. אין איטלעכנ האַרץ האָבן געקאָכט הייסע ביטערע געפֿילן, וואָס האָבן געבריט ווי פֿײַע אָנגעכאַפּט בײַ דער לעבער און אויף דער צונג איז ניט אַרויס קיין וואָרט, חו ״זײַ געזונט! פֿאָר געזונט!״ האָט קיינער ניט מער געקענט זאָגן. ר׳ פֿײַטל א געשטאַנען אַ ווײַלע, האָט אָנגעקוקט די שטוב, גלײַך ווי ער האָט זיך געזעגנ מיט די ווענט, מיט איטלעכס פּיצעלע דאָרט באַזונדער, דערנאָך איז ג געשווינד אַרויס אין דרויסן און נאָך אים עלקע מיט די קינדער.

69 — זעצט זיך אַרײַן, פֿעטער! — האָט מיט כּעס צוגעטריבן דער בעל־עג און דערלאַנגט אַ טראַך איין פֿערד אין דער מאָרדע, צוווינטשנדיק א דערבײַ, ער זאָל די כּפּרה ווערן, און אין איינעם מיט די מעקלער, אי מיט ד בעל־הביתטע און דער סטאַנציע אײַננעמען אַ מיתה משונה. דאָס פֿערד הז אונטערגעשפּרונגען, אַ קער געטאָן זיך אין דער זײַט און שיער נ אויסגעקערט די בויד. עס איז געוואָרן אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ גאַנ סומאַטאָכע צווישן די איבערגעשראָקענע פֿאַרשוינען, וואָס זײַנען געזעסן דער יאַזדע, אָנגעטאַסעוועט אויף אַלערליי מיני פּעקלעך, קעסטלעך קלימקעס, מאַנצבילן און ווײַבער אין איינעם. אַלע האָבן געשריי געקוויטשעט, געפּלוכט, געשאָלטן, זיי אויף דעם בעל־עגלה און דער בע עגלה אויף זיי, און איינער האָט ניט געהערט דעם אַנדערן, הינט האָבן אַ אין דער צענטער גאַס זיך אויפֿגעכאַפּט, האָבן זיך געריסן אויף די ציין געמאַכט לעבער אין קאָפּ מיט זייער האַווקען.

70 אָט אַזוי גייט עס בײַ אונדז אַוועק אַן אָנגעטאַסעוועטע בויד מיט ייִדן זשיטאָמיר קיין בערדיטשעוו!

71 ר׳ פֿײַטל איז ווי עס איז אַרײַנגעקראָכן אין דער יאַזדע, און איידער ער הז זיך געמאַכט אַ שטיקל אָרט אויף צו זיצן, האָט ער געכאַפּט אַ קוועטש א דעם פֿוס פֿון אַ פֿאַרשוין, וואָס אַנטקעגן, גאָר ער האָט נעבעך פֿאַרביסן ליפּן און זיך געמאַכט גיט ווייסנדיק.

72 דער בעל־עגלה איז אַרויף אויף די קאָזלעס, האָט שטאַרק געשמיסן די פֿערד, און די יאַזדע, וואָס איז צוגעקוועטשט געווען פֿונעם פּראָסט צום שניי, האָט מיט אַ סקריפּ זיך אַ ריר געטאָן פֿונעם אָרט.

73 — פּאַפּאַשאַ — האָטביילקע געשריִען — עס וועט דיר קאַלט זײַן צו פֿאָרן, נאַ דיר מײַן טיכל אויפֿן האַלדז!

74 — זײַט געזונט — האָט ר׳ פֿײַטל פֿון דער בויד אַרויסגעשריִען און אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ נאָך אַ מאָל אַ קוק צו טאָן אויף זײַן ווײַב און קינדער.

75 — פֿאָר געזונט, פֿאָר געזונט! — האָט עלקע מיט די קינדער אים נאָכגעשריִען, און די בויד איז מיט אַ רעש אַוועקגעפֿאָרן ווײַט.

76 אויף דער גאַנצער קאַטשאַניווקע איז געווען רויִק, שטיל, ערגעץ ניט קיין פּיפּס, קיין שאָרך. ר׳ פֿײַטלס הויזגעזינד זײַנען אין איינע קליידלעך געשטאַנען אויפֿן שניי, דער פּראָסט האָט געקנאַקט און זיי האָבן ניט געפֿילט קיין קעלט, אַזוי פֿאַרשלאָגן נעבעך איז זיי געווען דער קאָפּ, אַזוי פֿאַרקלעמט איז זיי געווען דאָס האַרץ. עלקע האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ צום הימל. אירע געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן העט־העט איבער דער לבֿנה און די שטערן. זי האָט געזוכט דאָרט דעם אַלמעכטיקן גאָט, וואָס ער ווייסט אַלע שווערע הערצער, און פֿון אירע אויגן האָבן, ווי גרויע טראָפּנס טוי, געקאַפּעט טרערן.

77 אַזוי איז עלקע מיט די קינדער געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און זײַנען דערנאָך שטיל מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ אַרײַן אין שטוב.

## הערות

1 דאַמאָקלעס האָט געלעבט אין סיראַקוזע, אין הויף פֿונעם טיראַן דיאָניזיוס דער ערשטער (367–405, פֿאַר דער קריסטלעכער רעכענונג). ער איז געווען אַ חונף און פֿלעגט תּמיד נתפּעל ווערן פֿונעם מלכ׳ס עשירות און מזל. האָט אים דער טיראַן אײַנגעלאַדן טועם צו זײַן פֿון דעם אָ קעניגלעכן גליק. אויף אַ סעודה כּיד המלך האָט ער אים אַוועקגעזעצט צו עסן און טרינקען, בשעת איבער זײַן קאָפּ איז געהאַנגען אויף אַ האָר אַ בלויזע שאַרפֿע שווערד. דאַמאָקלעס האָט, פֿאַרשטייט זיך, געציטערט זיך אַ ריר צו טאָן...

2 סלוזשבע — דינסט.

3 געמיינט איז דאָ משמעות די רוסיש־טערקישע מלחמה (1875–1878). אין 1877סטן יאָר האָבן די רוסן אײַנגענומען בעסאַראַביע.

4 טשאַסאָוונע — אַ קאַפּעל, אפֿשר אַ קלויסטער.

5 פּאָכאָדן — מאַרשן, לאַנגע מסעות צו פֿוס, אויספּלוגן.

6 אַ טשיסטע אָטסטאַווקע — אַ ריינע, אַ פֿולע דעמיסיע; אַ לחלוטין גלאַטע באַפֿרײַונג פֿון אַ דינסט.

7 שקראַב — אַן אַלטער, אויסגענוצטער שוך; אַן אַלטע טראַנטע.

8 וואָיענע האָספּיטאַל — אַ מיליטערישער שפּיטאָל.
9 ראָסקאָש — הנאה (משמעות פֿון פּויליש).
10 זיך פּאָזוואָלעט — זיך פֿאַרגינען, זיך דערלויבט.
11 אוספּייעט — באַוויזן.
12 מוטשנישקע — מעל־קרעמערקע.